# נועם שיח

## מאת אב"ד סאנטוב שליט"א

**אל תעזור - אבל אל תפריע!!**

מטות-מסעי תשע"ח

מכון אפריון לשלמה

לייקווד תשע"ח

כל הזכויות שמורות

**למכון אפריון לשלמה**

להוצאת שיחות הרב שלמה זלמן פרידמן שליט"א

אב"ד סאנטוב - לייקווד

הרב פנחס בידרמן - הרב נתן נטע פרוש

9996551.z@gmail.com

**לקבל גליונות, לנדב גליונות, ולהערות**
**נא לפנות להנ"ל**

קונטרס זה נדבת

**הנגיד החסיד המפואר**

**מו"ה יעקב דעלמאן הי"ו**

אב"י בעיר לייקווד

לע"נ זקנתו האשה החשובה

**מרת פייגא מינדל בת ר' עזריאל ע"ה**

מעיר בעלזא

יארצייט יום כ"ו לחודש תמוז

**ת.נ.צ.ב.ה.**

# אל תעזור - אבל אל תפריע!!

## בקידושא רבא ש"ק פרשת שלח תשע"ח

אנו נמצאים עדיין תחת הרושם של "קבלת התורה" – והננו עדיין בחודש סיון, החודש של "קבלת התורה".

פעם שמעתי ממו"ר הגה"צ גאב"ד דעברעצין זצ"ל בעל "באר משה", דהנה ידוע שנוהגים שלא לערוך שמחת נישואין בסוף החודש (עי' שו"ע אבהע"ז סי' ס"ד ס"ג ברמ"א), אך נראה לומר, שבחודש סיון יש מקום להקל, לפי שחודש סיון הוא חודש של "קבלת התורה", ו"קבלת התורה" מגין על כל החודש.

הנה, בעת שמשה רבינו עלה למרום לקבל את התורה, נאמר בפסוק (שמות י"ט, ג'): ומשה עלה אל האלקים, ואיתא במדרש (שמו"ר כ"ח, א'), שבאותה שעה ביקשו מלאכי השרת לפגוע במשה, שכן כשמשה עלה למרום לקבל את התורה התקנאו בו המלאכים, ומרוב קנאה ביקשו לפגוע בו, מה עשה הקב"ה, צר קלסתר פניו של משה דומה לאברהם, והנה נדמה להם להמלאכים שעומדים אצל אברהם, ואמר להם הקב"ה "אי אתם מתביישים הימנו?! – לא זהו שירדתם אצלו ואכלתם בתוך ביתו?! – הלא זהו אברהם שהייתם בביתו והכניס אתכם כאורחים ראויים ונתן לכם לאכול ולשתות! וכי אין אתם מתביישים לפגוע בו?!" ואמר לו הקב"ה למשה "לא ניתנה לך התורה אלא בזכות אברהם".

ולכאורה צריכים להבין, מה היתה כל המשא ומתן בין הקב"ה להמלאכים, ומפני מה הוצרך לצור קלסתר פניו של משה כאברהם – ולמה דווקא לאברהם – ומה אנו למדים מדברי המדרש.

איתא בספר "ישמח ישראל" להרה"ק מאלכסנדר זי"ע, שכאן אנו רואים יסוד גדול ונפלא, שהקב"ה רצה להורותינו, שדווקא עם יסוד זה אפשר לזכות לקבלת התורה.

דהנה הקב"ה אומר להמלאכים: כשירדתם בעולם הזה אצל אברהם אבינו, איך קיבל אתכם? והלא הוא קיבל אתכם בסבר פנים יפות! הוא נתן לכם לאכול ולשתות ומקום ללון! והנה, כעת שאברהם מגיע אצלכם, איך אתם מקבלים את פניו? וכי מקבלים אתם את פניו בסבר פנים יפות? – לא די שאין אתם מקבלים את פניו כראוי, אתם עוד רוצים לפגוע בו??!

ואמר להם הקב"ה למלאכי השרת: דעו לכם, התורה הקדושה נתונה אך ורק לזה שיש לו **מדות טובות!** אתם אין לכם מדות טובות! ולכן לא תקבלו את התורה! ורק אלו שהם בשר ודם, בני אברהם יצחק ויעקב, שיש להם מדות טובות, **הם** יקבלו את התורה הקדושה!...

****************************

איתא במדרש (איכ"ר ב', י"ג): אם יאמר לך אדם יש חכמה בגויים – תאמין, אבל אם יאמר לך אדם יש תורה בגויים – אל תאמין, דהיינו, שאפשר להאמין למציאות כזאת שיש גוי הבקי בחכמות שונות, אבל כשיאמרו לך שיש גוי הבקי בתורת ה', לזה אל תאמין.

ולכאורה צריכים להבין, שכן כמו שיכול להיות גוי שיש לו ראש טוב, והוא מבין חכמות מסויימות, כך יכול להיות, שנלמד עמו תורה, והוא יבין את זה כמו שהוא הצליח להבין שאר חכמות, וא"כ למה אמרו חז"ל שרק חכמה אפשר לו להבין ולא תורה.

ואיתא בספר "אמרי שפר", שרואים כאן במדרש יסוד נפלא, שכדי לזכות בתורה, צריכים גם את המדות טובות, וגוי אינו יכול להגיע למעלות וסגולות התורה, ולא לזכות לרוממות התורה, לפי שזה שייך רק באדם שיש לו מדות טובות, וגוי אין לו מדות טובות!...

*****************************

בספר "מבשר טוב" כתב, שהנה בחיוב דיני התורה הקדושה, תנאי הראשון הוא כמו שאמרו בתנא דבי אליהו (רבה, א') "דרך ארץ קדמה לתורה" – ומי שאין לו מידות טובות, הוא גרוע יותר ממי שאינו מקיים דיני התורה הקדושה...

*****************************

הרה"ח ר' שמואל אונגאר הי"ו, העסקן הנודע בעיר התורה לייקווד, סיפר לי סיפור נפלא ששמע מאחד המקורבים של מרן הגאון האדיר שר התורה רבי משה פיינשטיין זצ"ל, וכך סיפר:

באחת הפעמים שישב אצל הגאון רבי משה זצ"ל, נכנס אליו אחד שהיה נראה קצת מוזר, וביקש מרבי משה שיכתוב לו המלצה כי הוא צריך ללכת לאסוף כספים. רבי משה קיבל אותו בסבר פנים יפות, ואמר לו שיכין עבורו את ההמלצה, וסיכם עמו באיזה יום לבוא לקבל את ההמלצה. כשיצא האיש, שאל המקורב את רבי משה "למה הסכים ראש הישיבה מיד לתת לו את ההמלצה, והלא האיש הינו 'חברה'מאן'" [כזה העונה לתואר "כבדהו וחשדהו"]...

מספר המקורב, שהוא כבר ישב אצל רבי משה עשרות עשרות פעמים, ומעולם לא ראה על פניו סימן שהוא ברוגז על מישהו, ברם כעת הביט עליו במבט חד, ואמר לו בחריפות "הנה, יהודי הגיע, ואמר שהוא צריך עזרה – אם אינך רוצה לעזור לו – אל תעזור – אבל אל תפריע!!"...

******************************

סיפר ידידנו המשפיע המפורסם הרה"צ רבי אלימלך בידרמן שליט"א דבר נפלא, וכך סיפר:

מעשה בבחור מישיבת חברון שהיה ישן איזו תקופה בביתו של הרה"ק רבי שלומ'קה מזוועהיל זי"ע. בלילה הראשונה קודם שכבו על משכבו, ביקש מרבי שלומ'קה שיעירנו למחרת היום בשעה שש בבוקר, אך הרבי אמר לו שלא יוכל להעירו באותה שעה. למחרת היום משהקיץ הבחור הבחין שהרבי עסוק זה מכבר על התורה ועל העבודה.

בלילה ההוא, שוב פנה הבחור וביקש ממנו שיקיצו משנתו למחרת היום, אך גם עתה מיאן אותו צדיק ואמר שלא יוכל למלא אחר בקשתו זו. למחר הבין הבחור שלא מקרה הוא, אלא הרבי אכן משכים קום זמן ארוך לפני השעה שש, ובכלל הסתפק האם הוא עולה על יצועו, ומכל מקום איננו מסכים להקיצו משנתו.

לעת ערב חזר הבחור וביקש בשלישית את הרבי שיקיצנו, ושוב סירב הרבי. שאלו הבחור "מדוע אין הרבי מסכים להעירני שאקום לעבודת הבורא?" אמר לו הרבי "לשם כך יש שעון מעורר – אבל אני אינני מסוגל להעיר יהודי משנתו, כי אף שלאחר הקימה נהנה המתעורר, וגם מכיר טובה למי שהקיצו, מכל מקום ברגע

הראשון שהוא מתעורר – מצטער הוא על כך, ואינני מסוגל לצער אחד מישראל"...

******************************

סיפר לי ידידי הרה"ג ר' מאיר ברוך שטיין שליט"א בעמח"ס "דער קוואל פון חיזוק" (חתן הרה"צ רבי פנחס שלום האגער זצ"ל אב"ד וויזשניץ-מאנסי בבארא פארק), שפעם סיפר לו ה"הויז בחור" של כ"ק מרן הגה"ק מוויזשניץ זי"ע – זה שלפעמים ישן בבית הרבי – שפעם הבחין בו הרבי שהוא עייף מאוד במשך היום, וחשב הרבי שלכאורה הסיבה לעייפותו הוא, שכאשר הרבי קם כדרכו לפנות בוקר, מתעורר גם ה"הויז בחור", ולכן הוא עייף, ועל כן החליט שלמחרת כאשר יקום בבוקר, יזהר מאוד שלא לעשות רעש שלא יתעורר ה"הויז בחור" משנתו, וכך הוה, הרבי קם, וה"הויז בחור" ישן שנת ישרים, וכשהרבי ראה במשך היום, שה"הויז בחור" רענן ואינו עייף, התבטא ואמר "אתה רואה?! היום לא הערתי אותך!"...

******************************

ידידי החסיד הנעלה הרב יהושע חיים קאסטן שליט"א המשמש בקודש ויד ימינו של כ"ק אדמו"ר מראחמיסטריווקא-ארה"ב שליט"א סיפר לי דבר נפלא ביותר, וכך סיפר:

הנה כ"ק אדמו"ר מראחמיסטריווקא-ארה"ב שליט"א נוהג שלא לאכול בשר ביום שהוא תענית צדיקים – היות שחותנו הרה"ק מסקווירא זי"ע היה מתענה בכל תענית צדיקים (ובדרך אגב, אמר לי המשמש בקודש, שהרבי אינו אוכל בסעודה אחת דג עם בשר, חוץ מסעודת מצוה וסעודת ש"ק). פעם אחת בשהותו של הרבי בחדשי

הקיץ בקאנטר"י, הגישה לו בתו - אשת חתנו כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ-קיימישע שליט"א - מאכל של דגים שהיה נראה כבשר, והרבי אכל אותו.

בלילה ההוא, הגיש לו הגבאי כוס קפה, ואמר לו הרבי "הלא אני בשרי", אמר לו הגבאי "הלא היום הוא תענית צדיקים והרבי אינו אוכל בשר, ואכן לא היה זה בשר אלא דגים שהיו נראין כבשר"...

אמר לו הרבי "והלא בתי הגישה לי את המאכל הזה, וכי לא אוכל?!"...

****************************

מסופר על הגאון האדיר רבי שמואל שטראשון זצ"ל (הנודע מ"הגהות הרש"ש" על הש"ס), שמלבד גאונותו המופלאה, עסק רבות בצרכי הציבור, והקים גמ"ח גדול להלוואת כספים לנצרכים. אך למען קיום הגמ"ח, הקפיד הרש"ש הקפדה מרובה על תשלומיהם של הלווים לקופת הגמ"ח, כדי שלא יתרוקן קופת הגמ"ח ואז לא יוכל איש ליהנות יותר מכספי ההלוואות.

יום אחד הגיע יהודי פשוט אל הרש"ש, ולקח הלואה גדולה של מאה רובלים, והתחייב לפרוע את החוב מקץ ארבעה חדשים. בהגיע יום הפירעון, בא אותו יהודי אל הרש"ש לשלם את החוב, אך בביתו אמרו לו שהרב שוהה כעת בביהמ"ד. פנה איפוא הלוה לביהמ"ד, ומצא את הרש"ש רכון על הגמרא ושקוע בסוגיא קשה.

ניגש האיש הזה אל הרש"ש, והניח את צרור כספו על הגמרא ואמר "זהו החוב שלי", והרש"ש שהיה שקוע בלימודו, נענע

בראשו, וזה התפרש אצל הלוה כהסכמה על הפירעון, והיהודי פנה והלך לדרכו.

כעבור איזה דקות, פרח ענין פירעון ההלואה מזכרונו של הרש"ש, ובעלעלו כה וכה בדפי הגמרא, כיסה את הדף שעליו הניח היהודי את שטרות הכסף, ולאחר שגמר את לימודו, סגר את הגמרא, והחזיר את הספר לארון הספרים ויצא מבית המדרש.

כאמור, הקפיד הרש"ש הקפדה מרובה על החזרת החובות לקופת הגמ"ח, ולעתים תכופות היה מעיין ברשימת הלווים, לדעת מי מהם הגיע זמן פרעונו – והיה – אם הלה התמהמה, שלח להזכיר לו את חובו.

כדרכו, עיין גם הפעם ברשימת הלווים, וכשראה שהאיש הזה לא שילם את חובו, שלח להזכיר לו שהגיע מועד הפירעון וביקשהו להזדרז לפרוע את החוב, אך היהודי ששמע את דברי השליח, נבהל עד עמקי נשמתו, ומיד רץ לעבר מעונו של הרש"ש, כשהוא שואל בבהלה "האם הרב אינו זוכר ששילמתי כבר את החוב?" אך הרש"ש שדבר התשלומים פרח לגמרי מזכרונו, השתומם על "השקר" שהוציא האיש הזה מפיו, והחליט על אתר לתבוע את היהודי לדין תורה על שגוזל הוא את הציבור.

כמובן שבעת שהופיעו הרש"ש עם האיש הפשוט הזה בבית דין, לא עלה בדעתם של הדיינים שום מחשבה, שיש כאן איזה "נידון" בכלל, ואשר על כן נתנו הדיינים להאיש הזה זמן של כמה ימים שיחשוב בדבר ויתחרט על מעשיו. אך היהודי בשלו – אחת היא ואת דברתי לא אשנה – שילמתי כבר את החוב ואין צורך לפרוע שנית, ומנגד, טען הרש"ש בוודאות שהיהודי לא שילם, שאם כן היה הוא מוחק מיד את החוב מפנקס ההלוואות, ומשלא מופיע שם שהוא פרע את חובו, סימן הוא שאכן לא פרע את החוב.

השמועה על הדין תורה בין הרש"ש ליהודי הפשוט, עשתה לה כנפיים בווילנא – עירו של הרש"ש – תושבי העיר נדהמו לשמוע כי בדין התורה העיז היהודי הפשוט להכחיש את טענת הרש"ש, ולטעון כי שילם את חובו. כמובן שכולם נטו להאמין שהיהודי הינו גנב שפל ונבזה, ואילו הרש"ש אין ספק בצדקת דבריו, וכי היהודי גזל את כספי הציבור.

במשך הזמן היו כאלו שהתחילו לחרף ולבזות את היהודי בכל מקום שרק היה הולך, וצעקו אחריו שהוא גנב, כמו כן פטרוהו מעבודתו בטענה שאינם רוצים להעסיק גנב, ובנו שלמד בישיבה בווילנא – ששבע גם הוא השפלה ובזיונות – ברח מווילנא.

והנה, לא ארכו הימים, והרש"ש חזר לבית המדרש המרכזי בווילנא לעיין באיזה ענין, ותוך כדי לימודו, הוציא כרך גמרא מארון הספרים – והיה זה אותו כרך שלמד בו בעת שהאיש הזה הגיע לפרוע את החוב – ותוך כדי שדפדף בדפי הגמרא, מצא את שטרות הכסף שהיהודי החזיר...

הרש"ש השתומם עד למאוד, ותיכף ומיד צץ ועלה המאורע הזה בזכרונו, ונזכר מיד שאכן היהודי שילם את החוב בזמנו, רק מחמת עומק עיונו בלימודו נשכח הדבר.

הרש"ש נחרד והזדעזע עד עמקי נשמתו, ותיכף ומיד הזעיק אליו את האיש הזה אל ביתו. היהודי הגיע, והרש"ש קם לפניו, והתחנן אליו בבכיות נוראות "במה אפייס אותך על כל הצער והעגמת נפש שגרמתי לך על לא דבר! – אכן נודע הדבר – ואתה הצדיק! שילמת את החוב בזמנו! אוי לי שבגללי סבלת כה רבות, ומוכן אני לעלות על מדרגות ארון הקודש בביהמ"ד הגדול ולבקש את סליחתך בפרהסיא לעיני כל הקהל, ובאזניהם אשמיע דברים כהווייתם".

אך האיש הזה, שהצער והסבל ניכרו היטב על פניו, השיב ואמר "לא יהא בכך די כדי לפייסני, שכן מה יאמרו הבריות – בודאי יאמרו שברוב צדקותו וענוותנותו נכמרו רחמיו של הרב על היהודי העלוב הזה, ועל כן החליט לפייס אותו בפרהסיא, אך הרושם כי גנב ושקרן אני – לא ימחה מלבם, ואף גם זאת – הוסיף היהודי – בקשת הסליחה בביהמ"ד לא תחזיר אלי את בני שנמלט מווילנא מרוב בושה".

הרש"ש הבין את מצבו הקשה של היהודי הניצב לפניו, ועצם את עיניו, והעמיק במחשבותיו בעומק העיון, בחפשו דרך כיצד לעזור לאותו יהודי האומלל הזה, ששקע בצרות אך ורק באשמתו.

חלפו דקות אחדות, ולפתע התנער הרש"ש – רעיון עלה במוחו – הוא אמר להיהודי "שלח נא לקרוא לבנך לשוב לווילנא, אקח אותו כחתן לבתי, ואז יסור ממך כל חשד, וכולם יודו ויאמרו שאכן היתה כאן שגגה מוחלטת, ואין בך שום עוולה".

לשמע הדברים, נאלם היהודי דום, להפתעה נפלאה כזו לא פילל כלל וכלל – גם לא בחלום הלילה – ואכן מקץ ימים אחדים, נערכו אירוסיהם של בת הרש"ש ובן האיש הזה, וכל נכבדי ווילנא נטלו בהם חלק.

הבריות לא חדלו לדבר על המאורע, הם ראו בכך יד ה' היושב ומזווג זיווגים, ומכיון שבשמים הכריזו שבתו של הרש"ש תהא זיווגו של בנו של היהודי הזה, לכן אירע כל המאורע של הכסף כדי לגלגל את הדבר שמדרך הטבע לא היה יוצא לפועל כלל...

****************************

בגליון "סיפורי צדיקים" הביא סיפור נפלא, וכך הביא שם: סיפר תלמיד אחד שהיה פעם יחד עם הגה"צ רבי חיים פינחס שיינברג זצ"ל בחדרו בישיבה, וכאשר רבו נעמד ממקומו, סבר התלמיד שקם ללכת, ולכן הזיז ממנו את הכסא מאחוריו, אך רבו לא הבחין בכך ושב להתיישב, ונפל. כשקם והתיישב על כסאו, הבין את הרגשתו הנוראה של התלמיד וקרא מיד לעברו ואמר "הכל משמים! - לא קרה לי ב"ה שום דבר", והוסיף בבדיחותא "לא משנה מה עם הראש, העיקר מה שיש בפנים"...

ומסופר שבאותה תקופה כאשר באו לספר את שיער ראשו, ביקש רבי פינחס להימנע. התלמידים התפלאו למה לא הסתפר כהרגלו, אך אותו מקורב הבין היטב, הוא חשש שמא תתגלה המכה, ואותו תלמיד יתבייש על שגרם כזאת לרבו, לכן נמנע מלהסתפר עד שהמכה חלפה.

****************************

סיפר לי הרה"ג ר' דניאל גראס שליט"א רב וראש הכולל "נעימת החיים", ששמע מאדם אחד אימרא נפלאה ביותר, ששמע בעצמו מפ"ק של כ"ק מרן האדמו"ר מסקולען שליט"א, וכך אמר:

הנה חג השבועות, הוא יום טוב של "קבלת התורה", וא"כ יש לתמוה, למה אין רוקדין עם התורה כמו שעושין בשמחת תורה? ובהכרח נראה – אומר האדמו"ר מסקולען שליט"א – **שקבלת** התורה לבד אינה מספקת, רק חייבים לעבור את ימי הקיץ על כל נסיונותיו לראות אם **יקיים ויחזיק** את התורה בפועל ג"כ, ולהתנהג בחדשי הקיץ על פי תורה כראוי – לא רק "לקבל" – ורק אח"כ אפשר לרקוד עם התורה...

## משולחן הקוראים

בס"ד

לכבוד מערכת "**אפריון לשלמה**"

לפני איזה שנים הופיע בקונטרס "**נועם שיח**" מאמר נפלא ונכבד, לתאר כראוי את אורחותיו ומהותו של הגה"ק כ"ק אדמו"ר מרן בעל "ישועות משה" מוויז'ניץ זצוקללה"ה, תחת הכותרת

# באהבתה תשגה תמיד

ואכן זה היה כל מהותו של מרן זי"ע "באהבתה תשגה תמיד" - אהבת התורה, אהבת השי"ת, ואהבת ישראל!!

והנני מבקש מכם מאד, להדפיס עוד פעם את המאמר הנפלא, למען ידעו ויבינו אורחותיו ודרכיו הקדושים, בפרט התמדתו ואהבת התורה שלו, וכמו שכתוב שם במאמר, שכל מהותו היתה חתיכה אחת של

## לעשות רצונך אלקי חפצתי

ובודאי יהיה זה זיכוי הרבים גדול, וגם יהיה זכות גדול בעד נשמתו הטהורה של מרן זי"ע, והלואי שנזכה לילך בדרכיו, וללמוד מאורחותיו.

בהבעת הכרת הטוב ובברכת הצלחה גדולה

**אחד מחסידי מרן בעל "ישועות משה" מוויז'ניץ זי"ע**

# באהבתה תשגה תמיד



## דברי הערכה על כ"ק אדמו"ר בעל "ישועות משה" מוויזניץ זצללה"ה

### לקראת יומא דהילולא - כ' אדר



שהשמיע הרב הגאון רבי יחיאל מיכל דאסקאל שליט"א

ראש ישיבת צמח צדיק וויזניץ, בארא פארק




אצל מלוה מלכה לטובת ביהמ"ד זכרון אלעזר סאנטוב - לעיקוואוד, בחודש אדר הראשון תשע"ו לפ"ק

ברשות דער מרא דאתרא שליט"א, חשוב'ע רבנים וכל הנאספים. אוודאי איז פותחים בכבוד אכסניא א ענין פון הכרת הטוב. איך וויל איבערגעבן ס'איז געווען פאר א פאר יאר צוריק, במשך דריי אדער פיר אדער פינף יאר, איך בין יעדעס יאר ארויסגעקומען מיט א כיתה, שיעור ג' אין די ישיבה וואס האבן זיך פארהער דריי מסכתות, פארהערט זיך מס' בבא קמא, איז געווען די מתנה אז זיי זענען ארויסגעקומען קיין לעיקוואוד. זיי האבן געמאכט דא דעם סיום דא אין בית המדרש, 40-35 בחורים, און דער רב שליט"א, ער האט זיך מטריח געווען און געברענגט יעדעס יאר א גאסט. איין יאר האט גערעדט דער משגיח ר' מתתי' שליט"א, איין יאר איז געווען דער ראש ישיבה ר' מלכיאל שליט"א, איינמאל איז געווען ר' ירוחם שליט"א. די אלע גרויסע ראשי ישיבות זענען געקומען רעדן דא פאר די בחורים. איך בין מכיר טובה דערפאר, איך וויל אים דא איבערגעבן א ישר כח, און דער אייבערשטער זאל אים העלפן ער זאל קענען ווייטער ארויסגעבן זיינע גרויסע כוחות וואס ער וויל ארויסגעבן, וואס ער האט, סייעתא דשמיא אויף ווייטער אויך.

ס'איז איצט מוצאי שבת, מלוה מלכה סעודת דדוד מלכא משיחא. די גמרא זאגט אז דוד המלך זאגט חשבתי דרכי ואשובה רגלי אל עדותיך. זאגט דער מדרש, בכל יום הייתי אומר למקום פלוני אני הולך למקום פלוני אני הולך, והיו רגלי מוליכות אותי בבית המדרש. דער רב לויפט ארום צו הייזער זוכן נדבות, ער טראכט למקום פלוני, ער וועט גיין צו דעם נדבן, ער וועט ווערן געהאלפן ביי יענעם נדבן, והיו רגלי מוליכות אותו - דא אין בית המדרש, ס'נעמט זיך צוזאם בני תורה דא אין בית המדרש, דא וועט ער מאכן אי"ה א מלוה מלכה און דא וועט ער האבן סייעתא דשמיא. ער וועט נישט דארפן זוכן דא און דארטן, אין בית המדרש וועט ער טרעפן די סייעתא דשמיא.

*

מען האט גערעדט פריער אז ס'איז דא א גרויסער יארצייט - צוויי יארצייטן צוויי אדר'ס, ס'איז ממש ווי דער פסוק "ובשנה הרביעית", אונז האלט מיר שוין די פערטע יאר פון די הילולא פון תשע"ב, "יהי' קודש הילולים", אונז האמיר הייליגע צוויי הילולא'ס.

איך מוז דערמאנען אביסל פון עובדות, וואס דער רב איז אזוי מקושר

געוועז, מען דערמאנט זיך אביסל וועגן דער אש להבה, דער שרף אש האט זיך געדרייט אויף די וועלט, איינע פון די זאכן זיינע, מען ווייסט נישט ווי אנצורירן, מען רעדט פון די התמדת התורה קען מען רעדן א גאנצע נאכט, ער האט דאך געלערנט גאנצע נעכט, אבער דער התמדת התורה איז דאך אין לשער ואין לתאר. מען קוקט אביסל אויף צוריק, נעבן דעם די רצון ה', דער ענין פון מרבה זיין טהרה, פלעגט ארומלויפן שרייען ס'זאל זיין מקוואות, איך וויל דערציילן דא אביסל:

דער רבי האט געהאט אזא חבורה צו זיצן און רעדן מיט זיי אין דברי תורה. מען ווייסט **ס'איז געווען באוואוסט אז קיין מאנטריאל האט ער ליב געהאט אלס צו פארן, ווייל דארט טרעפט ער זיך מיט הרב הירשפרונג דער רב פון מאנטריאל.** דער רבי האט ווייניג מאל געוואלט ארויספארן אלס רב, ער האט זיך קיינמאל נישט געוואלט אוועקרייסן פון די גמרא, ווען ער האט שוין געמוזט פארן, האט מען געוואוסט ער גייט ארום אין מאנטריאל און ער גייט ארום וויזיטן דא און דארטן, ווען ער איז אנגעקומען צו הרב הירשפרונג האט ער זיך געגעבן א טוה אויס די רעזשוואלקע, זיך אראפגעזעצט, מען האט נישט געלייגט קיין כיבוד אויפ'ן טיש, נישט קיין לעקעך און נישט קיין ברוינפן און נישט קיין טרינקן, ס'האט זיך גלייך אנגעהויבן א שמועס, אבער ווי א שמועס, אז מען האט נישט געקענט מיטהאלטן, דער קאפ האט זיך אנגעהויבן צו דרייען ווער ס'האט עס מיטגעהאלטן.

איך האב געזען אין א ספר ווי איינער שרייבט נאך דעם וויכוח, זיי האבן זיך געטראפן פאר דעם אין שווייץ און דארט האבן זיי גערעדט אין לערנען, און גלייך ווען ער איז אריינגעקומען האט מען אנגעהויבן צו רעדן אזוי ווי ראשי תיבות'ן, אה, שלום עליכם הרב הירשפרונג, דער רשב"א וואס אונז האמיר געשמועסט דארט אין שווייץ, ניין קעגן דעם איז דא א משנה למלך, און, ער שרייבט איבער דארט אז אזוי ווי מען האט גערעדט פון דעם זאך, ארויפגעלייגט נאך א ספר אויפ'ן טיש און נאך א ספה, איינער שרייבט איבער דעם גאנצן שמועס, "והי' השלחן מלא וגדוש עם ספרים" און מען האט זיך אזוי גערעדט און גערעדט, צום סוף האבן די גבאים אזוי געווינקען, מען איז געקומען וועגן עפעס א תכלית, ס'איז א שאד אויף די צייט מען פארברענגט שוין דא אזויפיל צייט.

גיט ער זיך א דריי אויס און ער זאגט: איך בין געקומען אהער צאמנעמען געלט אויף חיזוק התורה, דא האב איך דיך די תורה אליין!... מען האט אים נישט געקענט אפרייסן פון דארטן. ער איז ארויסגעגאנגען זאגט ער: דא האב איך געהאט הנאה, נישט קיין ברוינפן, נישט קיין לעקעך, מען איז געזעסן און מען האט געהאקט אין לערנען. מען האט געשמועסט אין לערנען, וואס דאס איז געווען זיינע שעשועים, מיט אזא מין חשק מיט אזא מין התמדה.

*

**איינער פון זיינע חברים איז געווען ר' בערל פאווארסקי, דער פאנאוויזשער ראש ישיבה, זיי האבן זיך נאך געקענט פון תל אביב.** דארט זענען זיי געווארן היימיש, ממילא ווען זיי פלעגן זיך טרעפן האט מען אנגעהויבן צו שמועסן אין לערנען. **נאך דעם רבינ'ס הסתלקות איז דא א גאנצער שמועס פון ר' בערל, וואס ער שרייט אז ער האט ממש ארויסגעקוקט מיט קנאה ווי א איד זאל האבן אזא בקיאות אין תורה, צו קענען קצות אויפ'ן לשון!**

מען האט דאך געזען, ווי דעם קצות האט ער נאכגעזאגט מיט'ן לשון איין סימן נאכ'ן צווייטן. ס'איז געווען מבהיל הרעיון. א מנחת חינוך, צי ס'איז געווען דער משנה למלך. אויסער אין די הלכה'דיגע ספרים, איך רעד אין לומד'ישע ספרים וואס דאס איז געווען שעשועים. מען האט אים נישט געקענט אפרייסן. ס'איז אים נישט גרינג אנגעקומען, ער האט נישט געהאט אזעלכע כשרונות, מען ווייסט אין די יונגע יארן איז געווען א איד א גרויסער תלמיד חכם אין וויזניץ, איך געדענק ער האט געהייסן ר' מאיר מגיד, ער האט נאך געוואוינט אין גרויסווארדיין, ער איז געווען א איד א שם דבר, א שטארקער תלמיד חכם, ער האט געהאט דא א קוזין ר' אהרן מגיד, דא אין אמעריקע ער האט ארויסגעגעבן א סאך ספרים, ס'איז געווען א משפחה פון גרויסע תלמידי חכמים.

האט ער דערציילט, אז אין גרויסווארדיין, **דער ישועות משה איז געווען א יונגער בחור'ל, ער איז געזעסן דארט אין בית מדרש און ער האט זיך אליין געפלאגט מיט זיין ברודער - זאל זיין אפגעשיידט להבדיל בין לחיים לחיים דער וויזשניצער רבי פון מאנסי, און מען האט זיך געפלאגט אין לערנען.**

דערציילט ער, אז אמאל ביינאכט נאך מעריב איז געזעצן אין ווייבער שוהל, דער ישועות משה, ער איז געווען א בחור'ל, א יונגער בחור'ל, 16-15 יאר, און ער רופט אים צו, "ר' מאיר'ל, איך פלאג מיך דא אויף א ש"ך אין חושן משפט, ס'גייט מיר נישט". ער האט אים אנגעהויבן מסביר זיין איינמאל און צוויי מאל און דריי מאל, און ס'גייט נישט, איך פארשטיי נישט און איך פארשטיי נישט.

רופט זיך אן ר' מאיר, "בחור'ל טייערער, הער מיך אויס, איך האב א סדר החיים, איך דארף אהיימגיין איך האב א שיעור פארטאגס. איך שטיי אויף 5:00 אזייגער פארטאגס, איך לערן. פאר'ן דאווענען האב איך א שיעור. איך קען מיך נישט דא א סאך פארברענגען, איך האב פרובירט דיר מסביר זיין, וויפיל ס'גייט, גייט", און ער איז זיך אהיימגעגאנגען.

ער קומט צוריק אינדערפרי 5:00 אזייגער און ער זעט ס'איז לעכטיג אין ווייבער שוהל, ער גייט ארויף און לאזט זיך נישט גלייבן, אזוי ווי ער האט אים איבערגעלאזט, אזוי זיצט דער בחור און פלאגט זיך! אזוי ווי ער האט אים געזען גיט ער א לויף צו, "ר' מאיר, איך פארשטיי שוין, דאס איז דער פשט אינעם ש"ך", און ער האט זיך נישט געכאפט בכלל אז ר' מאיר קומט שוין צוריק אינדערפרי! דאס איז געווען זיין יגיעה.

*

ער האט נישט געלערנט אין קיין ישיבה, ווייל מען האט אים געשיקט לערנען קיין וויזניץ אין דמשק אליעזר'ס ישיבה, ער איז געזעסן דארטן א יאר איז מען געקומען זאגן פאר זיין טאטן, דער אמרי חיים, אז ער האלט שוין ממש פאר א בראך! דער בחור שלאפט נישט, דער בחור אנטלויפט, מען האט זיך געדארפט לייגן שלאפן דארט 11:00 אזייגער איז געווען דער לעצטער זמן, האט ער געטראפן עפעס א קליין פלאץ אויפ'ן דאך, דארט האט ער געהאט א חברותא און מען האט געלערנט ביז אינדערפרי און געגאנגען אינדערפרי אין מקוה אזוי ווי אלע. מיטאג האט ער זיך אראפגעלייגט אויף א שעה. וויפיל קען מען אזוי ציען? נאך א חודש און נאך א חודש, ביז מען איז געקומען זאגן פאר'ן טאטן אז דער בחור פאלט שוין צוזאם, האט מען אים אוועקגענומען און אהיימגעברענגט. דער טאטע האט געזען מען קען אים נישט לאזן אליין.

און דארט אין שטוב פארציילן נאך תלמידים ווי אזוי ער האט געהארעוועט. דער רבי אליינס האט דערציילט אויף די לעצטע יארן, ממש פאר א פאר יאר צוריק, האט ער דערציילט פאר אן אייניקל זיינע, וואס האט עס מיר אזוי דערציילט, אז אין גרויסווארדיין האט ער געהאט א שיעור צו לערנען יעדן ליל שישי, ער איז אויף געווען א גאנצע נאכט און ער האט זיך געלערנט זיינע זאכן, איז געווען דארטן א איד וואס האט צוגעקוקט דעם רבי'נס אן אייניקל, דעם אהבת ישראל'ס אן אייניקל, פלאגט זיך א גאנצע נאכט דארטן, און ער האט עס פארציילט פאר'ן טאטן דער אמרי חיים. דער אמרי חיים איז דאס געוואויר געווארן, זאגט ער אים "איך אסר דיר דו זאלסט אויף זיין א גאנצע נאכט; דו זאלסט דיך היטן די כוחות", זאגט דער אייניקל, אז דער רבי האט אים דערציילט די מעשה, וואס איז דאך געווען פאר 60 יאר צוריק, און ער האט זיך אזוי אויסגערעדט פאר דעם אייניקל, וואס האט דער איד איז געגאנגען דערציילן פאר'ן אמרי חיים, "וואס האט ער פון מיר געוואלט האבן? וואס האט אים געאהרט אז איך לערן?", ער האט זיך דערויף מתמרמר געווען מיט טרערן אין די אויגן, אזוי ווי יעצט האט מען אים געשטערט צו לערנען! דאס איז א מעשה פאר 60 יאר צוריק!

דאס אהבת התורה ס'איז דאך געווען אין לשער ואין לתאר, און מיט דעם איז ער אנגעקומען צו געוואלדיגע



השגות.

פון זיין יגיעה און יגיעה, זעט מען אז ס'איז דא פון אים היינט אזויפיל חידושים, און א גאנצע כולל מיט יונגעלייט זיצן נאר מפענח זיין זיינע כתבים וואס ער האט פאר זיך געשריבן, ס'וואלגערט זיך צוזאם דארטן אוצרות אויף אוצרות, אלע זיינע תשובות זענען געווען גענומען פון משנה למלך מיט דעם פארענטפערט סתירת הרמב"ם. דא, קיינמאל נישט געוואלט גורס זיין אייגענע חידושים. נאכדעם אויך זייער אינטערסאנטע מהלכים.

*

דער דערמאנטער ר' בערל פאווארסקי האט געהאט א תלמיד, ר' ברוך שטערנבוך, אן אייניקל פון ר' אלי' שטערנבוך, א פלומעניק פון ר' משה שטערנבוך. א חסיד'ישער יונגערמאן, און אייניקל פון סערעטער רבי'ן און אויך א בן אחר בן פונעם ווילנער גאון. דער ר' ברוך שטערנבוך איז געווארן אן אייניקל ביים רבי'ן, ווערנדיג אן איידעם ביי ר' מנחם ערנסטער, דעם רבי'נס איידעם און ראש הישיבה.

ס'איז געקומען צום תנאים, ער איז געווען א תלמיד מובהק פון ר' בערל פאווארסקי, אזוי ווי מען האט זיך שוין צאמגעטראפן און זיך געפרייט, רופט זיך אן דער רבי צו ר' בערל, "אונז זעמיר שוין געווארן מחותנים אויך", נא, מען איז שוין געווארן מחותנים, מען איז שוין געווארן היימיש, האט דער רבי אים גענומען מוטשענען פארוואס איז אין פאנעוויזש נישט דא א מקוה פאר די בחורים? פארוואס גייען בחורים לערנען אן קיין מקוה? ס'איז אים געגאנגען בנפשו.

דער מאור ושמש שרייבט דאך אז דער הייליגער ר"ר אלימלך איז אראפגעקומען אויף די וועלט, דער הייליגער בעל שם הקדוש, זייט זיי האבן אריינגעברענגט טהרת המקוה האט מען געזען עפעס א שינוי אין די גאנצע אידישקייט, מען זעט דאך אז ס'ליגט דא גרויסע זאכן, ער האט אים




נישט אפגעלאזט מנוחה, ס'איז אים געגאנגען בנפשו א מקוה, ס'איז אים געגאנגען אז בחורים זאלן האבן טהרה, אידן זאלן האבן טהרה, ס'זאל זיין א שלמה וואס זאל מאכן א מקוה פאר כהנים, ס'איז געגאנגען בנפשו די אלע זאכן.

*

ווען מען רעדט ווייטער פון די התמדה. ס'איז יעצט אוועק דער ערלויער רב. ער האט דערציילט פאר אן אייניקל אז בשעת ער איז געווען אין שווייץ, ער איז דארט געווען שבת חזון. מוצאי שבת חזון איז ער געגאנגען זאגן א גוטע וואך ביים רבי'ן, דארט אין שטוב. ער קומט אריין, און דער רבי איז שוין געזעצן ביים טיש מיט'ן שטריימל קאפטן מיט א גמרא און ער האט געלערנט, ווייל אין שווייץ האט ער אלץ געוואוסט דארף ער ענדיגן זיינע שיעורים וואס ער איז געווען שולדיג; דארט האט ער אפגעצאלט די חובות. ער האט געזאגט א גוטע וואך, מען האט זיך געזעגנט, און ער איז אהיימגעגאנגען.

דער ערלויער רב האט ווייטער דערציילט, אז אינדערפרי, האט ער געוואוסט אז ס'איז נישטא קיין מקוה נאר אביסל ווייטער און דער רבי האט מקפיד געווען יעדן טאג צו גיין אין מקוה פלעגט ער פארן; איינער האט אים צוגעפירט יעדן טאג. האט ער געוואלט מיטפארן, ער קומט אן



אינדערפרי, ער וויל אריינגיין, קלאפט ער אריין, ער מאכט אויף די טיר, און ער זעט דעם רבי'ן מיט'ן שטריימל מיט'ן קאפטן, פונקט אזוי ווי ער האט אים איבערגעלאזט נעכטן ביינאכט טרעפט ער אים אינדערפרי, נישטאמאל האט ער באמערקט אז ס'איז אריבער די נאכט! ובאהבתה תשגה מאוד!

אזוי איז געווען זיין התמדה, ס'איז דא מעשיות און מעשיות לאין שיעור.

*

אין די ערשטע יארן וואס ער איז געקומען וואוינען קיין ארץ ישראל. דאס עניות וואס דעמאלט איז געווען, מען קען עס נישט משיג זיין. ער אליין האט דערציילט, אז ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, ער איז געקומען ערגעץ תש"ב אדער תש"ג. מען האט געדארפט צינדן ליכט פרייטאג צונאכטס, ער האט געהאט אפאר פרוטות און געטראפן אביסל ליכט; נו, וואו לייגט מען ארויף די ליכט? איז מען ארויס אויף די גאס, מען האט געזוכט וואו מען בויעט א בנין איז דא א שטיקל ציגל, א שטיקל שטיין, האט ער דאס ארויפגעברענגט. דאס איז געווען די לייכטער! **א האלבע יאר איז געווען די לייכטער א שטיקל שטיין.**

מען האט רחמנות געהאט אויף אים, עס זענען געווען וויזניצער חסידים, זיי האבן געוואוינט אין ארץ ישראל, זיין טאטע איז נאך געווען אין גראסווארדיין, נישט ארויפגעקומען נאך, ער איז ארויפגעקומען ערשט אין תש"ז-תש"ח. אין חיפה זענען געווען א פאר רומענישע אידן וואס זיי זענען שוין געקומען פאר יארן צוריק, זיי האבן זיך שוין מסדר געווען, בעל בתי'שע אידן, זיי האבן דאך געוואלט הערן דעם וויזניצער נוסח פונדערהיים, האט מען ערלעדיגט אז אויף ימים נוראים זאלן זיי אים נעמען אלס אייניקל פונעם רבי'ן ער זאל קומען דארטן דאווענען פאר'ן עמוד און פירן די תפילות, און זיי וועלן אים שיין באצאלן.

נא, ס'איז שוין דא אביסל הכנסה, ס'וועט שוין זיין פון וואו אריינצוקומען, און כך הוה ער איז געווען דארטן, פארשטייט זיך ער האט דעמאלט זיך אונטערגענומען אז מער גייט ער דארט נישט אריין, אבער באקומען האט ער באקומען אפאר פונט.

**ווען ער איז אהיימגעקומען מיט די פאר פונט, איז ער געלאפן אין ספרים געשעפט און זיך געקויפט א רמב"ם און נאך א פאר ספרים!** אין שטוב איז נישט געווען גארנישט, אבער דעם רמב"ם האט ער געהאט און דאס איז געווען ביי אים א חשיבות. ס'איז ידוע עד סוף ימיו האט ער זיך נישט געטוישט די ספרים, ער האט געלערנט נאר אין די אלטע ספרים, ווייל דארט געדענקט ער יעדע זאך וואו ס'ליגט און ווא ס'איז דאס.

*

איך ווייס אמאל, מענין לענין, פונעם זעלבן ענין און באותו בענין, געווען אמאל די לעצטע יארן ער איז דאך געגאנגען שמועסן מיט אלע גדולי ישראל. ער האט זיך נישט דערשראקן פון קיינעם, איך דארף זיי ווייזן א א חסיד'ישער איד קען אויך רמב"ם. ער פלעגט זאגן זייער א שארפע שפראך, "דער רמב"ם האט זיך נישט אויסגענומען אז מען טאר נישט גיין אין מקוה ווען מען לערנט דעם רמב"ם, מען מעג לערנען דעם רמב"ם אפילו מען איז געווען אין מקוה!"...

ער איז געווען אין ירושלים, איז ער אריין צו הרב אלישיב, און ער האט זיך אויך אנגעהויבן מיט אים צו טענה'ן אין לערנען. דער רבי האט געזאגט עפעס א סברה, און הרב אלישיב האט עס נישט אנגענומען. זאגט דער רבי, "דאס איז נישט מיינס, ס'שטייט אין מנחת חינוך". הרב אלישיב זאגט אז ער וויל עס זען, ער נעמט ארויס פון ספרים שאפע א מנחת חינוך - ס'איז דא א בילד ווי מען זעט דער רבי מישט און זוכט און הרב אלישיב שטייט אזוי מיט זיין תנועה, ווי ער ווארט אז אז מען זאל צייגן וואו עס שטייט. דער רבי מישט און מישט, און ער טרעפט עס נישט.

אינמיטן גיט דער רבי א פרעג "ס'איז נישטא דא א מנחת חינוך פון די אלטע דרוק, נישט פון מכון ירושלים, די אלטע דרוק?" ביז דערווייל איז איינער ארויסגעלאפן זוכן דארט אין מאה שערים אין די הייזער, דארט איז מסתמא נישט שווער געווען צו טרעפן אן אלטן דרוק, און מען ברענגט עס אריין. אזוי ווי מען ברענגט עס אריין, גיט ער א מאך אויף, "אה, דא איז עס!"...

**הרב אלישיב איז געבליבן שטיין, זאגט ער, "איך האב שוין געהערט א מענטש קען ש"ס על הדף, מנחת חינוך על הדף?"...** דאס איז ביי אים געווען א חידוש.

איך האב גערעדט מיט א איד,

איינער פון די עלטערע אידן וואס ער איז געווען א חברותא זיינע. זאגט דער איד, איך בין געווען אין אנפאנג דעם רבינ'ס חברותא, אבער איך האב נישט געהאט קיין שכל, איך האב עס אפגעלאזט, פארוואס? ווייל ער האט געלערנט מיט מיר מנחת חינוך, מען האט געענדיגט ערשט איין מצוה, מען איז שוין געווען א פאר וואכן די מצוה זאגט ער, איך וויל שוין אריבערגיין ווייטער, זאגט ער, ניין, אונז גיי מיר חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל, -די זעקסטע זיבעטע מאל האב איך געזאגט, ס'איז נישט פאר מיר, און איך האב מיר אפגעלאזט.

*

איך מיין אז מען האט פריער געזאגט מדן ועד באר שבע, **איך מיין ס'איז נישטא קיין וויזניצער בחור וואס האט זיך געדרייט ארום אים וואס ער קען נישט נאכזאגן צענדליגע לשונות פונעם חובת הלבבות וואס מען האט פון אים אלס געהערט**, נפשי נפשי אחינו צידה לדרך כי יבוא", זאלסט וויסן אהבת עולם הזה ואהבת עולם הבא דאס איז אזוי ווי אש ומים בכלי אחד, לשונות אויף לשונות.

ביים צווייטן טיש פלעגט ער אלס רעדן, פלעגט ער נאכזאגן די מוסר פונעם חובת הלבבות, אונז האמיר אינזין געהאט מדוי גופינו, שכלנו אבדנו את יצרו ולא אבדנו את יוצרינו, לשונות וואס אונז האמיר נישט אריינגעקוקט אין חובת הלבבות און מען האט עס געקענט אויסנווייניג.

*

איך דערמאן מיך א מעשה שהי', אויך אינטערסאנט ווי אזוי זיין זכרון האט געארבייט און ווי אזוי זיין סדר איז געווען:

איך בין געווען א בחור, פארשטייט זיך ער האט געריסן פון די בחורים שטיקער און די בחורים האבן עס נישט געקענט סובל זיין, אבער ער האט גענטלייגט אויף זיי אן עול ממש. ער האט נישט געלאזט מנוחה. ס'איז געווען א קבוצה בחורים, ס'איז געווען א מתנה איז געווען פאר די גרויסע בחורים, איך מיין לויט אונזער השגות, גרויסע גרויסע בחורים, שוין ביי 18 יאר זעמיר שוין געווען א גרויסער בחור. וואס איז געווען די מתנה? ווער ס'האט געלערנט פלייסיג האט געקענט גיין זיך פארהערן ביים רבי'ן. ער איז שוין געווען רבי דעמאלט. מען גייט זיך פארהערן, ווען? פרייטאג אינדערפרי וועט זיין דער פארהער, פארמיטאג ביים רבי'ן אין צימער.

מיר האבן זיך געגרייט א קבוצה פון 16–17 בחורים. א נאכט פריער איז דער רבי מודיע, אז דער פארהער וועט נישט זיין אויף די מסכתא וואס מען האט געלערנט, נאר יעדער בחור וועט



מוזן נאכזאגן א חידוש. יעדער בחור וועט מוזן נאכזאגן א פלפול, א מערכה וואס ער האט דורכגעארבעט. פארשטייט זיך אונז האמיר שוין נישט געקענט שלאפן א גאנצע נאכט פאר פחד, און ס'האט גארנישט געהאלפן, צומארגנס זעמיר אריינגעקומען, איז געווען דארטן מען איז געשטאנען ארום דעם טיש, ער איז געזעסן אינמיטן, און יעדער בחור האט געמוזט זאגן. געדענק איך נאך עד היום ווי איך האב פרובירט עפעס מחדש זיין עפעס חצי שיעור, ר' יוחנן וריש לקיש, עפעס א מהלך אין נודע ביהודא, - "ניין ניין ניין, דער נודע ביהודא פארטראגט נישט אזעלכע זאכן, דער נודע ביהודא האט געדארפט גלייכע זאכן", ער האט מיר גלייך אזוי, ס'האט אונז גארנישט געהאלפן, יעדער האט געכאפט, ס'איז ידוע ער האט נישט געקענט ליידן עפעס וואס איז נישט ישר.

אזוי איז עס געגאנגען איינס נאכ'ן צווייטן. איך געדענק, צוויי דריי נאך מיר איז געשטאנען א בחור, איך קען דעם נאמען ס'איז דא א סאך וואס זיי קענען אים דא, און ער האט זיך אלס געהאט א קצות און ער האט עס געהאלטן אונטער זיך און ער האט זיך אלס גע'חזר'ט און גע'חזר'ט, ווען ס'וועט קומען זיינס וועט ער אנהייבן צו זאגן. געדענק איך נאך אזוי ווי היינט, **דער בחור הייבט אן צו זאגן, "דער קצות ברענגט אין סימן ת"ז" און ער הייבט אן נאכצוזאגן. אינמיטן גיט אים דער רבי א שטעל אפ, "דו ביזט זיכער אז דער קצות זאגט עס אין סימן ת"ז"**, זאגט ער, איך האב נישט געלערנט קיין

קצות, איין סימן האב איך געלערנט, סימן ת"ז. דער רבי זאגט אבער, "מיר דאכט זיך אז דאס איז נישט אין ת"ז, נאר ת"ו". דער בחור קוקט אזוי ווי מען זאגט איך קען נישט דא פארבלאנדזשענען... דער רבי מאכט זיך אזוי צו די אויגן און פארטראכט זיך. דארט איז געשטאנען דער גבאי ר' ישראל זילבערשלאג, ער איז אויך געווען א שארפער תלמיד חכם, ווייזט דער בחור פאר ר' ישראל אז ער האט דא דעם קצות אונטער זיך, דער גבאי גייט אזוי צו און ער זעט, יא, דער קצות וואס דער בחור זאגט שטייט אין סימן ת"ז. און ער ווייזט דאס פאר'ן רבי'ן. דער רבי האט אפילו נישט געוואלט אריינקוקן, ווייל אין דעם ספר קוקט ער נישט, ער האט געהאט זיין אייגענעם שולחן ערוך וואס דערין האט ער געלערנט.

מען ברענגט דעם רבינ'ס שו"ע פון שאפע. ער קוקט אריין, ער קוקט און קוקט, ביז ער כאפט זיך - איר קענט עס נאכקוקן אין די אלטע שולחן ערוך'ן איז דא א טעות, דער סימן ת"ו שטייט צוויי מאל, ת"ו, דאס צווייטע מאל שטייט אויך ת"ו, כאילו ס'איז א המשך, מישט אויף א אלטע שולחן ערוך חושן משפט וועט איר זען. דער רבי זאגט דעם בחור, "ביזט גערעכט, ביזט גערעכט", מען האט קיינמאל נישט אריינגעקוקט אין א צווייטע ספר נאר אין דעם ספר.

**מבהיל הרעיון ווי אזוי ער האט געדענקט אלס אויפ'ן לשון. מען האט געזען ביי אים וואס דאס הייסט חזר'ן און חזר'ן און חזר'ן.**

ער האט זיך געהאט א אינטערסאנטע סדר הלימוד. ער פלעגט לערנען פון איין משנה ביז די אנדערע משנה, איבער'חזר'ן, מאכן א סך הכל וואס איז געווען, וואס איז אלע שיטות פון די גמרא אריין אין די משנה, אזוי האט מען געלערנט און אזוי האט מען געדענקט. בשעת דער אמרי חיים האט נאך געלעבט, איך בין געווען א יונגער בחור'ל, איז אויף איין זייט ארון קודש איז געזעצן דער הייליגער אמרי חיים, די אנדערע זייט איז געזעצן דער ישועות משה, נאך אלס רב. דאס לייענען האט געדויערט זייער אסאך צייט, בין גברא לגברא האט דער ישועות משה ארויסגענומען א גמרא פון אונטער זיין חומש, און געלערנט. מיר בחורים האבן נאכגעקוקט און באמערקט אז יעדע וואך ביים לייענען האט זיין גמרא זיך גערוקט מיט פיר בלאט. האב איך שפעטער געזאגט פאר די תלמידים, געטס א קוק ווי אזוי א איד האט געקענט ענדיגן 200 בלאט א יאר בין גברא לגברא, דארט האט ער געטראפן א צייט און ער האט עס געמאכט.

כהנה וכהנה וואו ער האט אלס געטראפן זיינע זמנים, ממש מען רעדט פון מוצ"ש, איך געדענק ער האט געהאט א מנהג אויך ער פלעגט זיך פארן אפרוען נאך ראש השנה נאך חודש תשרי און נאך פסח נאך ניסן, אנפאנג אייר און אנפאנג חשון האט ער געהאט א דירה, מען האט שוין געהאט דעמאלט אלעס בהרחבה, איינער האט צוגעשטעלט א דירה א קביעות'דיגע אין ערד, אין דרום זייט אין ארץ ישראל, דארט וואוינען גערער חסידים, דארט איז געווען האט ער געהאט א ווינקל, דארט איז אויך געווען א צייט וואס ער פלעגט זיך דארטן ענדיגן זיינע שיעורים, וואס ער איז געבליבן שולדיג ימים נוראים ער האט עס נישט געקענט ענדיגן.

איך האב אליין געהערט פון גערער יונגעלייט האבן זיי דערציילט אז ער האט געהאט א פענסטער, קעגן דעם פענסטער איז געווען אזא גלייכע בערגל, דארט איז געווען גראז, זיי האבן עס געוויזן וואו דאס איז, און דער רבי האט געהאט א שטענדער נעבן פענסטער, זאגן זיי מוצ"ש ער האט זיך געגעבן א שטעל אראפ ביים פענסטער און ער האט אנגעהויבן לערנען. די גערער יונגעלייט זענען געוואוינט אויפצושטיין פארטאגס, פלעגן זיי אויפשטיין 4:00 אזייגער, און אריינגעקוקט ווי עס זיצט דער רבי מיט'ן שטריימל און קאפטן און ער לערנט נאך פארטאגס מיט אזא מין פרישקייט מיט אזא מין חשק, מיט אזא דורשט אז ס'איז לא יאומן כי יסופר.

*

איך געדענק, אמאל האט אים איינער געפרעגט אז דער רבי מוטשעט ביינאכט, פרייטאג צונאכט אויף זיין ביז שפעט ביינאכט, איז דען נישטא למען ינוח, ס'שטייט נישט אין די תורה שבת איז א טאג פון מנוחה, ווי נעמט מען אוועק די מנוחה? זאגט ער, אוי אוי, אזא רחמנות אויף איינער וואס דער למען ינוח שורך מיט זיין מנוחה איז אים אויף די זעלבע דרגא, רח"ל, שטייט נאר יום מנוחה? שטייט דאך יום מנוחה וקדושה! עס שטייט דאך נאך עפעס אויך!

אבער דאך, מען דארף דאך שלאפן, זאגט ער, הערטס מיך אויס, אויב ס'איז נישטא קיין בעסערס, דאס איז דיין הנאה אוודאי דארפסטו גיין שלאפן, איך וויל זאלסט האלטן א דרגא, זאלסט האבן חשוב'ערס, דאס מסביר זיין א מענטש וויל גיין שלאפן ביינאכט יעדער וויל גיין שלאפן, אבער טאמער מאכט ער חתונה פונקט יעצט א קינד אדער עפעס, מען וועט אים זאגן דארפסט נישט גיין צו די חתונה קענסט זיך לייגן שלאפן, איז דאס אן עונש!

זאגט ער, דאס שלאפן אמאל איז עס א עונש און אמאל איז עס פונקט פארקערט, איך וויל אויב דער שבת איז דיר נישט גארנישט אינטערעסאנט, אוודאי דו וועסט גיין שלאפן וועסט דיך מחי' זיין, אבער איך וויל ס'זאל דיר זיין אזוי אינטערעסאנט אז ס'וועט זיין א עונש אז דו גייסט שלאפן.

איך מיין ס'איז טאקע מורא'דיג, דעם לעצטן שבת וואס ער האט געפירט אין בארא פארק איז געווען ממש די וואך שבת ויקהל שקלים, פאר 19 יאר צוריק, תשנ"ז איז ער געווען דא און ער האט געפראוועט א שבת ער האט איבערגעקערט בארא פארק. ס'איז געווען "תבערו אש בכל מושבותיכם", דאס גאנצע פייער, דעם גאנצע ברען, מיט די גאנצע מטבע של אש נעבן דעם.

דערציילט דער חוסטער רב, ר' משולם פייש גינזבורג, ער האט עס מיר דערציילט יעצט א פאר וואכן צוריק. דער רבי איז איינגעשטאנען שבת ביי זיינס א שוואגער, ער האט געפירט טיש אויף די 38'סטע גאס, דארט איז געווען עפעס א גרויסע האל, ווען ער איז אהיימגעקומען פונעם טיש 2:00 אזייגער ביינאכט, אויפ'ן טיש איז געלעגן א בבא קמא גמרא און ער האט זיך גלייך אראפגעזעצט. זאגט ער, איך ווייס נישט ביז ווען, געזעסן און געלערנט בלעטער בבא קמא נאכ'ן טיש.

אמאל ראש השנה ביינאכט אין וויזניץ. די צווייטע נאכט ראש השנה פירט מען נישט קיין טיש, איז געווען איינגעפירט אז אין שטוב, דארטן אין שטוב האט ער געגעסן אליין, נעבן דעם איז געווען די משפחה האט געגעסן עקסטער, א גבאי האט אים באדינט אליין, דער בחור וואס האט אים באדינט איז געגאנגען שנעלער, און ווען די משפחה האט געענדיגט איז מען אריינגעקומען צו אים אין שטוב און דארט אין שטוב האט מען געבענטשט צוזאמען מיט מנין. האט ער געפרעגט דעם בחור - ער הייסט ר' מרדכי קרויס א יונגערמאן פון לאנדאן - וואו האלט מען דארטן? זאגט ער דארט האט מען נאכנישט געענדיגט, נא, האמיר דאך צייט ברענג ארויס דעם קצות, ער האט זיך אראפגעזעצט מיט דעם בחור, און מען איז געזעסן און געלערנט קצות.



שפעטער איז די משפחה אריינגעקומען, ער האט געהאלטן אינמיטן לערנען, ס'איז געווען אזוי אינמיטן לערנען, גיט ער זיך א רוף אן צו די משפחה, טאמער וועט קומען איינער און אייך זאגן: ס'קען נישט זיין אז ראש השנה האט מען צייט צו לערנען קצות, וועט איר זיי ווייזן, קוקטס מען קען טרעפן ראש השנה אויך צייט און לערנען קצות, איך רעדט נישט קצות החושן לערנען בעיון, אלעס.

כהנה וכהנה, מען וועט רעדן פון דעם קאך, לעשות רצון הבורא, דער שמירת עינים און שמירת האברים, ער האט געזאגט אמאל דעם ניגון, ער האט אזוי ליב געהאט דעם ניגון, "לעשות רצונך אלקי חפצתי", ער האט עס אזוי ליב געהאט, "לעשות רצונך אלקי חפצתי", פיר ווערטער, האט ער געזאגט פאר דעם וואס האט געמאכט דעם ניגון, "האסט גענומען פון פיר ווערטער, א גאנצע וועלט ליגט דא, איין שטיק רצון ה', איין שטיק הקרבה פאר'ן באשעפער".

*

מען קען מאריך זיין אזוי א גאנצע נאכט, און איך גיי נישט דא אויפהאלטן דעם עולם א גאנצע נאכט. די וועלט ווייסט, ער האט נישט געהאט קיין רואיג לעבן, ס'האט געקאכט אין אים, ער האט געריסן שטיקער און ער האט פארלאנגט א סאך, נישט אלע האבן עס געקענט סובל זיין, איך געדענק ווי שווער ס'איז געווען, זיין לעבן איז נישט געווען אזוי גרינג.

מען קוקט אויף צוריק ס'דערמאנט זיך א מורא'דיגער חתם סופר. דער הייליגער חתם סופר ברענגט אין פ' מטות, שטייט דארט בשעת משה רבינו איז פאר זיין הסתלקות האט דער אייבערשטער געהייסן גיין מאכן מלחמת מדין שטייט די לשון וימסרו בני ישראל, זאגט דארט רש"י להגיד שבחן של רועה ישראל, בשעת ער האט געלעבט (האבן זיי געזאגט) עוד מעט וסקלוני, האט משה רבינו געזאגט אויף די אידן האבן פאר אים געזאגט, כיון שהגיע, ער דארף אוועקגיין פון די וועלט, וימסרו האט מען געדארפט מיט כח זיי איבערגעבן, זיי האבן נישט געוואלט. וואס איז פשט? פרעגט ער, קודם כל וואס איז דער שבח פון רועה ישראל, דער שבח פון די אידן אז די אידן האבן געוואלט משה דער מנהיג זאל דא בלייבן, צווייטנס וואס לייגט דא רש"י צו די עוד מעט וסקלוני, וואס גייט עס דא צו?

זאגט דער הייליגער חתם סופר א מורא'דיגער געדאנק. א איד א תלמיד חכם א מרביץ תורה, א איד וואס ס'פירט א קהלה, א איד וואס איז א מנהיג ישראל, האט א גרויסע פראבלעם. וואס איז? טאמער לעבט ער זיך גוט יעדער האט אים ליב און יעדער גלייכט אים, שרייט מען ס'איז דא א גמרא אין כתובות, "האי צורבא מרבנן דמרחמי ליה בני מתא" איז א סימן ווייל ער זאגט זיי נישט קיין מוסר במילי דשמים, איז אויב די שטאט גלייכט דיך און אויב די שטאט האט דיך ליב, טויג דאך נישט, איז דאך פשט אז דו זאגסט נישט קיין מוסר. וועט ער יא זאגן מוסר, הייבט זיך אן גלייך מענטשן ווערן באליידיגט און מען איז ברוגז, און דעם שיקט מען אהער און דעם אהין, ס'איז דא א משנה אין אבות כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו, אויב רוח הבריות גייט נישט איז א סימן רוח המקום טויג אויך נישט, איז ווייטער נישט גוט.

זאגט דער הייליגער חתם סופר איז וואס זאל א איד טון? אז בשעת ער לעבט זאל ער זאגן מוסר, אפילו מענטשן זענען זיך מתנגד, אבער א אידיש הארץ איז זיך נאר מתנגד פונדרויסן, תוך תוכו ווייסט ער דעם אמת, אבער ער האט נישט דעם כח אזוי זיך צו האלטן, ווען זעט מען, אז דער מנהיג גייט אוועק און מען הייבט זיך אן צו כאפן אויף צוריק, ער האט נאר געמיינט אונזער טובה, ער האט געמיינט דעם אמת, ער האט געמיינט אלעס, דעמאלטס זעט מען שבחן של רועה ישראל, בשעת'ן לעבן איז געווען שווער פארטראגן, זייער שווער געווען, ער האט געריסן, ער האט געמוטשעט און ער האט נישט געלאזט לעבן, די בחורים האבן ממש געפלאצט, נאך א פארהער און נאך א פארהער, "דו האסט נישט געלערנט ווי מען דארף", דו האסט נישט געדאווענט ווי ס'דארף צו זיין, מען קען בעסער דאווענען, מען קען בעסער לערנען, שמירת עינים, וואס איז מיט שמירת האברים? און וואס איז מיט שבת? אלעס אלעס, גארנישט געוואלט מוותר זיין, אבער מען זעט נאך מען גייט אוועק שפעטער, ווען דער רועה ישראל גייט אוועק, מען קוקט אויף צוריק, קוקט וואס דא איז געווען, קוק וואספארא מנהיג דא איז געווען, קוקט וואספארא ערליכקייט, קוקט וואס ער האט אונז אריינגעפרעגט אין אונז אזויפיל יראת שמים, אזויפיל. ווען אונז וואלט מיר אים געפאלגט, ער האט געבעטן מען זאל לערנען יעדן טאג חובת הלבבות חשבון הנפש, ווען אונז וואלט מיר אים געפאלגט ווי אזוי וואלט מען היינט אויסגעזען? ווען אונז קען מיר ווען מנחת חינוך, ווען אונז קען מיר ווען ש"ס און מסכתות, אלעס וואס ער האט פון אונז געבעטן, און דאס גאנצע התנהגות, אוי וואלט דאך עס גוט געווען און פיין געווען.

זאל דער אייבערשטער העלפן אזוי ווי אונז האמיר געשמועסט בשנה הרביעית קודש הילולים, זאל דער רבי זיין א מליץ יושר, דער רב איז אזוי שטארק מקושר און ער פילט זיך אזוי שטארק מרבה זיין זיינע דרכים און מפיץ זיין זיינע וועגן, זאל דער אייבערשטער העלפן ער זאל זיין א מליץ יושר פאר גאנץ כלל ישראל, זאלן אלע געהאלפן ווערן בכל מילי דמיטב, ובבנין בית המקדש במהרה בימינו אמן.

# מתוך דברי תורה ש"ק פרשת פנחס תשע"ח

סיפר יהודי אחד, שהיתה תקופה בחייו שהיה מסובב ל"ע בחבילות חבילות של צרות ויסורים, ובתקופה ההיא נכנס אל הקודש פנימה אצל מרן הגה"ק מוויזשניץ זי"ע, ופרק את כל אשר על לבו, ובכה בכי תמרורים על סאת צרותיו ויגונו. הרבי האזין בכובד ראש לכל דבריו, ניחמו עודדו ובירכו, ונפרד הימנו לשלום והיהודי יצא מחדרו.

מספר אותו אדם, שכאשר יצא לחוץ, היה מאוד שבור, כי היה בטוח שהרבי כשישמע את כל צרותיו ויסוריו רח"ל, הוא יבכה ביחד עמו וירגיש ביחד עמו את הצער, אך בפועל הרבי רק שמע את דבריו, ועודדו ובירכו, אך לא בכה ביחד עמו, והיתה לו כמין הרגשה שהרבי לא הרגיש כל כך את מצבו העגום.

למחרת אותו יום, החליט להיכנס אל בנו של הרבי - מלפנים האב"ד וויזשניץ-מאנסי, וכעת כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי שליט"א - ותינה בפניו את צערו, שאתמול היה אצל אביו הרבי, וסיפר לו את כל צרותיו ויסוריו, והוא מרגיש שהרבי לא השתתף עמו כל כך כמו שציפה - הרבי לא בכה יחד עמו - והוא מאוד שבור מזה. מיד כששמע את דבריו, שאל אותו "אהה! דו ביסט דאס??" [זה אתה??] - והיהודי מסתכל עליו בתימהון, וממשיך הרבי שליט"א לספר "היום בבוקר נכנסתי אצל אבי, וראיתי שהוא מאוד עייף ועיניו אדומות מבכי, ושאלתי את אבי "מה אירע?", ואמר לי אבי "אתמול נכנס אלי אחד עם חבילה של צרות ויסורים איומים רח"ל, וממש לא יכולתי לישון מרוב צער, ולכן נשארתי ער כל הלילה ואמרתי תהלים בשבילו"...

❖❖❖

סיפר ידידי הרה"ג רבי בנימין פליישר שליט"א דומ"ץ וויזשניץ בבארא פארק, שבשנות בחרותו ישב פעם אחת בבית המדרש דחסידי וויזשניץ במאנסי ולמד, ובאותו זמן ישב שם גם מרן הגה"ק מוויזשניץ, ולמד בבית המדרש. לפתע הבחין איך שהרבי סוגר את הספר שבו למד, ומתחיל ללכת לביתו בלא שום גבאי או משב"ק.

מספר רבי בנימין, שבאותו רגע החליט לנצל את ההזדמנות ללוות את הרבי, ומיד נחפז ורץ החוצה, וקרב אל הרבי כדי ללוותו. כאשר קרב אל הרבי, שאל אותו הרבי "האם לא קר לך?", השיב רבי בנימין ואמר "לא", אמר לו הרבי "כתיב (תהלים ט"ו, ב') ודובר אמת בלבבו, וכך צריכים לומר: באמת קר, אך זה לא מעניין אותי"... ואכן תיכף ומיד נענה רבי בנימין ואמר "אכן קר לי אך זה לא מעניין אותי", אך הרבי לא נרגע לשמע דבריו, ואמר לו "כתיב (דברים ד', ט"ו) ונשמרתם מאד לנפשותיכם, ומפני שכעת קר, נא תלך ללבוש מעיל", וכאשר הבחין הרבי שהוא עדיין מהסס בדבר, ולא ניחא ליה ללכת כעת ללבוש מעיל, פן יחמיץ את ההזדמנות ללוות את הרב, אמר לו הרבי "לך ללבוש מעיל, ואני אחכה לך, ואל תדאג, קיינער וועט דיך נישט אויסכאפן"...

❖❖❖

סיפר לי גיסי הרה"ח ר' דוד פוקס שליט"א מחשובי חסידי וויזשניץ-מאנסי, ששמע מאת הרה"ח ר' בנימין ווערצבעגער שליט"א משב"ק אצל הגה"ק מוויזשניץ זי"ע, כידוע שהרבי זי"ע היה מקפיד לנשק את המזוזה כל אימת שהיה נכנס או יוצא מחדר, ובטרם לכתו לנוח לשינת הלילה, אז היה מנשק כמה פעמים את המזוזה.

מספר המשב"ק, שבערוב ימיו של הרבי, שהוצרכו לשאתו להכניסו למיטתו, היתה זו עבודה גדולה לקחתו לנשק את המזוזה, ורק אח"כ הכניסו אותו למיטתו. פעם כשהרבי כבר שכב במיטתו, שאל את הגבאי אם הוא כבר נשק את המזוזה, ואמר הגבאי שהרבי כבר נשק אותה. אמר לו הרבי "אינני מתכוין כשנכנסתי לחדר, כוונתי לזה שאני מנשק את המזוזה בטרם לכתי לנוח, אם כבר נשקתי אותה", ואמר לו הגבאי שעדיין לא נשק.

כנראה שהבין הרבי, שאם ירצה לנשק כעת את המזוזה, יהיה זה טירחא גדולה להגבאי, להוציאו ממיטתו ואח"כ להכניסו שוב, ולכן ביקש מהגבאי שיביא לו "טאש טיכל" (ממחטת כיס). כשהביא לו הגבאי את הממחטה, נתנה הרבי להגבאי, ואמר לו שיניחה על המזוזה, ואח"כ יחזירנה לו, וכך עשה, וכשהחזיר את הממחטה להרבי, נשק אותה הרבי, ואח"כ הורה שוב להגבאי שיניחה על המזוזה ונישקה, וכך חזר הדבר ונשנה כמה וכמה פעמים.